Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem
NAJER FOLKSBLAT

פרייז 15 גראשען

היינט 8 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

№ 204 | Łódź, Czwartek, 30 sierpnia 1934 r. | צוועלפטער יאהרגאנג | לאדז, דאנערשטאג, יט אלול תרצ"ד | № 204

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

# קלאנגען וועגען קאבינעט=ענדערונגען

## פרעמיער און אויסערן=מיניסטער זאלען דימיסיאנירען?

ווארשא, 29 (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט)

אין די פאליטישע קרייזען האט זיך פער־שפרייט א קלאנג וועגען דעם, אז פרעמיער קאז־לאווסקי און אויסערן־מיניסטער בעק זאלען זיך צוריקציהען פון זייערע אמטען.

פרעמיער זאל ווערען דער איצטיגער אי־נערן-מיניסטער זינדראם=קאשטשאלקאווסקי.

ווייטער גיט מען איבער, אז דער וויצע־בילדונגס־מיניסטער פיעראצקי (א ברודער פון טראגיש־אומגעקומענעם אינערן=מיניסטער) און אויך וויצע-מיניסטער שעדלעצקי זאלען אוועק אינדימיסיע

## אנ'אלטע טרויעריגע געשיכטע,

### וואס האט זיך אויפסניי איבערגעחזרט אין סאכאטשאוו

סאכאטשאוו, 29 (יט"א טעלעפאניש)

זייט א לענגערע צייט האבען טונקעלע פער־שוינען געפיהרט א העצע צוליב א פערשוואונדע־נעם קריסטליכען יונגעל באלצער. די מוטער פון דעם קינד האט פערשפרייט קלאנגען, אז יודען האבען דאס קינד געקוילעט און גענומען דאס בלוט צו מצות. די פאליציי האט נישט געקענט פעסט־שטעלען, וואו דאס קינד געפינט זיך.

מיט עטליכע טעג צוריק, האט מען דאס קינד געפונען אין בלוינע אויפ'ן מארק. דאס קינד איז געבראכט געווארען קיין סאכאטשאוו. געגען דער מוטער ווערט פערפיהרט א פראצעס פאר פערשפרייטען די קלאנגען.

## דייטשע פלאט=מאנעווערס

בערלין, 29 (ספ. טעל.)

דינסטאג ביינאכט איז אויפ'ן באלטישען ים – צווישען דעם אינזעל לאנגלאנד און דעם קור־ארט ווארנעמונדע – פארגעקומען א גרויסע פאראד פונ'ם דייטשען קריגס=פלאט.

ביי די מאנעווערס איז אנגעווענדט געווארן א קינסטליכער נעבעל, און ס'זענען פארגעקומען ארטילערישע איבונגען.

---

נאך לאנגע און שווערע ליידען איז געשטארבען דעם 29-טען אויגוסט 1934 אין קארלסבאד און דארט קומט זי צו קבורה
אונזער הייסגעליבטע

# נ"ע העלענא (הדס) פיאסקאווסקא
אשת ר' אברהם נ"י

## אין עלטער פון 49 יאהר

וועגען האט עס טיילען מיט אין גרויס צער די אין טיפען טרויער פערבליבענע

## מאן און פאמיליע.

---

ציוניסטישע ארגאניזאציע
אין לאדז.

פילהארמאניע-זאל
נארוטאוויטשא 20.

היינט, דאנערשטאג, דעם 30-טען ה. ח. 8.30 אוונט וועט

# דעפ. יצחק גרינבוים

מיטגליד פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע און לייטער פון עליה-דעפארטאמענט פון דער יודישער אגענץ אין ירושלים ארויסטרעטען מיט א רעפעראט אויף ד. ט.:

„די איצטיגע לאגע אין ציוניזם און אין ארץ-ישראל"

איינגאנגס-בילעטען צו בעקומען אין ציוניסטישען ביורא, שרודמיעסקא 29.

Z powodu przedwczesnego zgonu naszej nieodżałowanej Szefowej

B. P.

# Heleny Piaskowskiej

wyrażamy głębokie współczucie Szefowi naszemu p. ABRAMOWI PIASKOWSKIEMU oraz RODZINIE.

Personel F-my „A. A. Piaskowski"
w ŁODZI.

גארטען
הערענאוו

שבת, דעם 1 ווזשעשען, 9 אוונט
בלויז 1 געזעגענונגס=קאנצערט
פון דער קעניגין פון יודישען ליד.
דער שטאלץ פון דער יודישער עסטראדע! — די הארציגע זינגערין!
דער ליבלינג פון יודישען עולם!

# לאלא פאלמאן

פאר איהר אפפאהרען אויף א לענגערן קאנצערט=טורנע קיין אויסלאנד!
לאלא פאלמאן מיט איהר זיסער, קלינגענדיגער, הארציגער שטימע, מיט איהר אריגינעלער, קינסטלערישער אינטערפרעטאציע און רייכען רעפערטואר, האט מיט שטורם איינגענומען ווילנע. אומעטום האט זי געשלאגען דעם רעקארד פון ערפאלג.
מיט איהר קינפטיגען קאנצערט וועט אונז לאלא פאלמאן ברענגען אנ'אוונט פון הארציגען געלעכטער, פאלקסטימליכע, חסידישע, הומאריס־טישע, כאראקטעריסטישע, ארבייטער-לידער און גראטעסקעס.
קומט זיך געזעגענען מיט אייער ליבלינג, לאלא פאלמאן!
— מייסטערין פון יודישען ליד —
אכטונג! אויסער בעקאנטען שלאגער-פראגראם, וועט ל. פאלמאן געבען איבערגע נייע לידער.
אין קאנצערט נעמט אויך אנטייל פון 8 אוונט דער בעריהמטער

## מענער-קינסטלער-כאר פון „הזמיר"

אונטער דער ליידונג פון בעוואוסטען דיר. פראפ. י. זאקס.
אין פראגראם: 1) העלע וואנדער און די לבנה—פון י. זאקס מיט בעגל. פון סימפ. ארקעסטער. 2) זמירות—זילבערק. 3) וויג-ליד—ענגעל-זאקס. 4) די און דאניא—זאקס.
אל תירא—פעלמאן-רומשינסקי, בעם קלאוויר: פר. פיעטרושקא.
פון 5 אוונט — קאנצערט פון סימפ. ארקעסטער אונטער דער לייטונג פון ס. פיעטרושקא. אין פראגראם: יודישע מוזיק.
בילעטען צום פרייז פון 1.09, פאר קינדער 54 גר. צו בעקומען אין דער טערקישער קאנדיטאריי פיעטריקאווער 12 און אין העלענאוו.
אויגאווע בילעטען קענען בעקומען נור פערזאנען ביז פרייטאג אין טערקישער קאנדיטאריי.

אנאנסען
— אין —
פאלקסבלאט
האבען גרויס ערפאלג

# שטרענגע ווארנונג פון ראבינאט

מיר ווארנען אויפסניי די יודישע בעפעלקערונג, בעזונדערס די יודישע רעסטאראטארען, אז: 1) קויפענדיג גראשען (צונגען, לונג- און לעבערס. פיס, פעטס און ד. ג.) דארף מען אכטונג געבען, אז יעדער שטיק בעזונדער זאל האבען אויף זיך א כשר'ע פלאמבע פון לאדזער שעכט=הויזער מיט'ן דאטום פון דער שחיטה.

2) פלייש קויפען דארף מען נאר אין די יאטקעס, וואס בעזיצען הכשרים פון ראבינאט.

יעדער חורש=הכשר האט א בעזונדערן קאליער.

3) ביי די „ארומטרעגערס" טאר מען נישט קויפען קיין שום פלייש!

## היט זיך פון נבלות וטריפות!

## ועד הרבנים לעדת לודז.

ר' חבא, צ"ר 29.8—34.

א טיכטיגע
# אינקאסענטקע
פאר א גרעסערע געזעלש. אינסטיטוציע
ווערט געזוכט
אפערטען אין אדמינ. אונטער „M. M."

עלעגאנטע
דאמען-היטען
Modystka
„TOLA"
23 Zawadzka 23

ס'ווערט געזוכט
# א פרעבאלאנקע
און אנ'ערציהערין
מיט קוואליפיקאציעס.
צו מעלדען זיך טעגליך פילסודסקיעגא 76, אין לאקאל פון „התאחדות" און אין קאנצעלאריע פון „בית עם" פון 8–9 אוו.

דער קאמיטעט פון בית=הכנסת
# „בקור חולים"
פלאץ וואלנאשטשי 10
מאכט בעקאנט, דאס די ימים-טובים הבע"ל וועט ביי אונז דאווענען א ניי-אנגאזשירטער בעריהמטער קאנטאר מיט כאר=בעגלייטונג. די נאכפראגע נאך פלעצער איז זעהר גרויס. מיר בעטען אלזא די געעהרטע מתפללים זיי זא־לען צואיילען מיט'ן אויסקויפען בילעטען אויפ'ן קינפטיגען יאהר, ווייל אין די לעצטע טעג פאר ראש-השנה וועט בעשטימט אויספעהלען פלעצער.
יעדען אוונט פון 6 ביז 10 איז די שוהל אפען ספעציעל צו פערמיטען פלעצער.

